**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/23/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט איבער 68 מיליאן דאלער פארטיילט אין צוועלפטע רונדע פון די ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל איניציאטיוו

***ערשטע שטויס פון באשטעטיגטע גרענטס גייען צו 74 פראיעקטן וועלכע זענען גרייט צו אנהויבן ארבעט***

***פולע ליסטע פון פראיעקטן צו באקומען פינאנצירונג ביז יעצט איז פארעפנטליכט [דא](#)***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז איבער 68 מיליאן דאלאר איז פארטיילט געווארן צו שטיצן 74 פראיעקטן איבער ניו יארק סטעיט דורך די ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל (Regional Economic Development Council) איניציאטיוו. די צוועלפטע רונדע האט אריינגערעכנט גרענטס פאר די הויפט ארבעט און געלטער אין פארעם פון טעקס קרעדיט פון די עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, צוגעשטעלט געווארן אויף אן אנגייענדן פארנעם און פאר די בעסטע פראיעקטן כדי צו שטיצן די באלדיגע באדערפענישן פון קאמיוניטיס. די געלטער ווען שטיצן פראיעקטן וועלכע וועלן האבן א גרויסע השפעה, אין איינקלאנג מיט די סטראטעגישע ציהלן פון יעדע ראיאן. די אפליקאציע פאר עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט גרענט געלטער בלייבט אפן, און אפליקאציעס ווערן איבערגעקוקט אויף אן אנגייענדע באזיס ביז די געלטער וועלן אויסגענוצט ווערן. אפליקאנטן מיט שטארקע פראיעקטן וועלכע זענען גרייט צו אנהויבן ארבעט און זענען אין איינקלאנג מיט די סטעיט און ראיאן'ס עקאנאמישע אנטוויקלונג פריאריטעטן קענען אפלייען דורך דעם [קאַנסאָלידעיטעד פאַנדינג אפליקאַציע](#).

"דורך די ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס, זעצן מיר פאר צו מאכן סטראטעגישע אינוועסטירונגען איבער גאנץ ניו יארק אין איינקלאנג מיט די הויפט פריאריטעטן פון יעדע קאמיוניטי", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך בין שטאלץ צו אנאנסירן די קומענדיגע רונדע פון גרענטס וועלכע זענען רעקאמענדירט געווארן דורך פארשידענע פארטנערן וועלכע וואוינען און ארבעטן אין די ראיאנען וועם זיי פארטרעטן. די אינוועסטירונג וועט העלפן ברענגען מער געלעגנהייטן פאר ניו יארקער, מאכן שפראצן עקאנאמישע אנטוויקלונג און עס וועט טרייבן די צוקונפטיגע הצלחה פון קאמיוניטיס איבער אונזער סטעיט."

"ניו יארק סטעיט זעצט פאר צו אינוועסטירן אין פראיעקטן וועלכע וועלן אויפטרייבן נייע אינוועסטירונגען און ברענגען צו עקאנאמישע וואוקס צו ווייטער שטיצן אונזער ערהוילונג נאכן פאנדעמיע", **האט ליוטענאנט גאווערנער אנטאניאָ דעלגאַדאָ, פארזיצער פון די ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס, געזאגט.** "אונזער צוגאנג צו עקאנאמישע אנטוויקלונג וואס גייט פון אונטן ארויף – צו אריינגעמען יעדן, ארבעטן מיט יעדן און זיך קאנצענטרירן אויפן ראיאן – ארבעט, און איך האב געזעהן די רעזולטאטן ערשט-האנטיג אין קאמיוניטיס ארום די סטעיט. די לעצטע גרופע פון פראיעקטן וועלכע האבן באקומען גרענטס וועלן פאראויס שטופן די באמיאונגען דורכן שטיצן פראיעקטן וועלכע זענען גרייט פאר די אנהויב ארבעט וועלכע וועלן מאכן וואקסן אונזערע סטעיט און ראיאנישע עקאנאמיעס שנעלער."

**עמפּייער סטעיט דעוועלאפּמענט פּרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָפּ נייט, האט געזאגט,** "די ראיאנישע קאונסילס זעצן פאר צו זיין א שטארקע עקאנאמישע טרייב קראפט פאר אונזער סטעיט'ס עקאנאמיע. די גרענטס גייען פאר פראיעקטן וועלכע ווייזן ארויס די שטארקייטן פון יעדע ראיאן, און זיי וועלן גיין א לאנגע וועג צו טראנספארמירן די לאקאלע עקאנאמיעס ארום די סטעיט."

די ערשטע גרופּע פון פראיעקטן איז רעקאמענדירט געווארן דורך יעדע ראיאנישע קאונסיל צוליבן די גרייטקייט פון די פראיעקטן און דאס זיין איינשטימיג מיט די סטראטעגישע פלאן פון יעדע ראיאן. מערקווירדיגע פראיעקטן רעכענען אריין:

- **Kite's Nest (הויפטשטאט ראיאן) - ESD $1,600,000 גרענט:** דער Kite's Nest ReGeneration Capital פראיעקט נעמט א צוויי-אקער-גרויסע פראפערטי אויף די האדסאן ריווער ברעגע וואס פלעגט זיין א פאבריק און בויט עס איבער צו ווערן א קאמפוס פאר חינוך, באשעפטיגונג פון יוגענטליכע, ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט און קונסטווערק. די קאמפוס וועט דינען אלץ אנקער אין האדסאן'ס 2'טע וואָרד געגנט, אלץ א פלאץ צו ערנערן יונגע פירערשאפט און בויען קשרים צווישן קאמיוניטיס, דורות און ארגאניזאציעס. עס וועט האבן א קארבאן-באלאנסירטע געביידע, א שטח פאר געשעענישן, גרינהויז און פילע דרויסנדיגע איינריכטונגען.

- **פארגעשריטענע מאטארן און דרייוון פאבריצירונג (צענטראל ניו יארק) - ESD $1,300,400 גרענט, $325,000 עקסעלסיאָר דזשאבס טעקס קרעדיט:** פארגעשריטענע מאטארן און דרייוון (Advanced Motors & Drives, AMD) וועלן פארברייטערן זייערע פאבריצירונג מעגליכקייטן דורכן צולייגן צוויי נייע פאבריצירונג ליניעס און פארבעסערן און פארברייטערן זייערע יעצטיגע איינריכטונגען אין איסט סירעקיוס, אנאנדאַגא קאונטי. דער פראיעקט וועט אוועקשטעלן AMD אלץ א פירער אין צוויי וויכטיגע פאבריצירונג טעכנאלאגיעס וועלכע קומען יעצט ארויס: די ריינע ענערגיע אינדוסטריע (ווינטמיל ענערגיע) און גרעסערע עלעקטראנישע קארן (באסעס, דעליווערי טראקס, קאנסטרוקציע כלים וואס ארבעטן אראפ פונעם ראוד, א.א.וו.).

- **Roechling Medical פארברייטערונג (פינגער לעיקס) - ESD $1,500,000 גרענט, $227,000 עקסעלסיאָר דזשאבס טעקס קרעדיט:** Roechling Medical אין ראטשעסטער, די הויפט איינריכטונג אין צפון אמעריקע פון די Roechling Medical פאמיליע, פארברייטערט זיך צו בעסער דינען די וואקסנדע פארלאנג פאר מעדיצינישע מאשינען אין די פאראייניגטע שטאטן. די ראטשעסטער איינריכטונג איז א פירער אין די מארקעטס פון פארעמען און צוזאמשטעלן מעדיצינישע מאשינען. פינאנצירונג שטיצט דאס צולייגן א נייע Roechling איינריכטונג אין די ראטשעסטער/געיטס געגנט און פארברייטערט די יעצטיגע ספעציאליטעט 'ריינע צימער' אפעראציע מעגליכקייטן.

- **WORCForce o'Life's WORC איניציאטיוו (לאנג איילענד) - ESD $735,000 גרענט:** Life's WORC וועט רענאווירן א געביידע צו אויפשטעלן די WORC Force Center (ארבעטסקראפט צענטער). דער נייער פראגראם וועט העלפן מענטשן מיט ספעציעלע געברויכן צו טרעפן א צופרידנשטעלנדע באשעפטיגונג, געניסן פון א שטארקע געפיל פון קאמיוניטי און לעבן מיט מער פרייד. די צענטער וועט זיין אויסגעשטאט מיט מערערע דזשאב טרענירונג

צענטערן, אריינרעכענענדיג א ריטעיל געשעפט פלאץ, א קאמפיוטער לעב, א קאר שאַפּ, פראפעיסאנאלע קיך און אנדערע פלעצער וואס בויען ארבעטספלאץ סקילס. עס וועט אויך דינען אלץ א זאל פאר ספעציעלע סעמינארן און פארזאמלונגען.

- **The Milk Factory (מיד-האדסאן) - ESD $1,500,000 גרענט:** The Milk Factory איז די געביידע וואס נוצט איבער די אייקאנישע Borden מילך אויסקאכן איינריכטונג וואס געפונט זיך אין די ווילעדזש אָוו וואלדען, אראנדזש קאונטי. די 20-אקער-גרויסע פראפערטי וואס איז געבויט געווארן אין 1884 וואס וועט ווערן איבערגעמאכט אלץ די Milk Factory האט 12 פארבינדענע ציגלענע געביידעס מיט עלעגאנטע ציגל ווערק, יעצט אין חורבות נאך א פייער און נאכן זיין פארנאכלעסיגט. אין די צייט וואס עס וועט אריינבלאזן א חיות אין די חורבות פון די פאבריק וועט דאס איבערמאכן די געביידע אוועקשטעלן א מאדערנע קליינע שטעטל וואס קען זיך אליין אויסהאלטן, פאר די קאמיוניטי און פאר באזיכער צוגלייך, צו וואוינען, ארבעטן און שפילן. די Milk Factory איז א ווין קעלער און דיסטילערי פאר ברוינפן און אזוי אויך א לוקסוריעזע קליינע האטעל וואס וועט קומען מיט האטעל צימערן, סוויטעס פאר לענגערע צייטן, א רעסטוראנט, א דזשים, ספּא און ריטעיל געשעפטן.

- **Mohawk Lifts אויטאמאטיזאציע פארבעסערונגען (מאוהאק וואלי) - ESD $300,000 גרענט:** .Mohawk Lifts, LLC, די פירער אין שווערע קאר ליפטס איז געווען א הויפט אייגנשאפט פון די קאמיוניטי פאר איבער 40 יאר אין אמסטערדאם, מאנטגאמערי קאונטי. Mohawk Lifts וועלן וואקסן זייערע אפעראציעס דורכן ערזעצן די פאבריצירונג עקוויפמענט און פראצעדורן (מאכן פראצעדורן מער אויטאמאטיש, מאדערניזירן די אייזן שניידן און ברענען טיש, אינוועסטירן אין מאטעריאל שלעפערס און עקוויפמענט צו ארויסהעלפן די שמעלצן, און אויפבויען א נייע פאבריק שטאק צו פארמערן פראדוקטיוויקייט און ווירקזאמקייט). די פארבעסערונגען וועלן שטיצן א העכערונג אין די חלק פון די מארקעט פון די פירמע און אזוי אויך דאס אריינוואקסן צו מאטעריאל שלעפער דיסטריביוּשען ליפטס, א פעלד וואס האט מארקעט יתרונות מיט די נייעסטע טעכנאלאגיע וואס איז לעצטנס אנטוויקלט געווארן דורך די אינדזשענירונג מאנשאפט, און א העכערונג צו זייער ארבעטסקראפט צו שטיצן די נייע וואוקס.

- **National Black Theatre 'וויקטארי' דעוועלאפמענט פראיעקט (ניו יארק סיטי) - ESD $2,500,000 גרענט:** די היסטארישע National Black Theatre (נאציאנאלע טונקל-הויטיגע טעאטער) שטעלט אוועק א נייע דעוועלאפמענט פאר פארשידענע נוצן אין הארלעם. ווערנדיג אויפגעשטעלט דורך דר. בארבארע ען טיר'ס חזון אין 1968 צו אויפשטעלן א פלאץ פאר טונקל-הויטיגע שעפערישע מענטשן, ברענגט דער פראיעקט א הערליכע, פערמאנענטע היים פאר די סיטי'ס עלטסטע טונקל-הויטיגע טעאטער אלץ טייל פון א קונסטווערק קאמפלעקס וואס רעכנט אריין ריטעיל געשעפטן, רעסטוראנטן און אפּארטמענטס פאר פארשידענע באנוצן.

- **Thousand Islands Winery איינריכטונג פארברייטערונג (נארט קאנטרי) - $86,000 ESD גרענט, $152,890 עקסעלסיאָר דזשאבס טעקס קרעדיט:** The Thousand Islands Winery ווייַן פאבריק וואס געפונט זיך אין אלעקסענדריע בעי, דזשעפערסאן קאונטי וועט פארברייטערן אירע ווײַן און ווײַן סלאַשי פאבריצירונג מעגליכקייטן צו נאכקומען די יעצטיגע מארקעט פארלאנג. די ווײַן פאבריק וועט צוביסלעך אויפהערן נוצן איר פראצעדור פון אנפילן זעקלעך מיט די הענט און עס אויפטוישן מיט אן אויטאמאטישע אפעראציע פון אנפילן זעקלעך.

די פארברייטערונג וועט שאפן איינס פון די מערסט-פארגעשריטענע וויין זעקל פאקונג מעגליכקייטן אין די סטעיט און ערלויבן די פירמע צו האבן מער קאנטראל איבער איר סופליי טשעין.

- **Best Bev ניו יארקער פראיעקט (סאוטערן טיער) - ESD $3,200,000 גרענט:** Best Bev, LLC. שטעלט צו סערוויסעס צו העלפן פאקן, פארשאפן מאטעריאלן, סטארעדזש און ברענד דיסטריביושען פאר אלקאהאלישע און נישט-אלקאהאלישע געטראנקען. יעצט שטייענדיג אין פענסילווענייע, וועט BestBev אויפשטעלן א פאבריק אין ניו יארק סטעיט. צו אריבערציהען אירע אפעראציעס וועט BestBev זיך אונטערנעמען צו רענאווירן א געליעסטע איינריכטונג אין טיאגע קאונטי, אריינרעכענענדיג דאס אפקויפן די מאשינען און עקוויפמענט, מעבל און איינריכטונגען.

- **BestSelf הויפטקווארטיר קינדער שתדלנות צענטער (מערב ניו יארק) - ESD $2,000,000 גרענט:** BestSelf Behavioral Health, די גרעסטע איפפירונג געזונטהייט העלטקעיר פראָווײַדער אין מערב ניו יארק, וועט רענאווירן 899 Main Street אויף די באפעלאו-ניאגרא מעדיצינישע קאמפוס. די איינריכטונג וואס שטייט אויף א צענטראלע לאקאציע וועט ערלויבן די קינדער שתדלנות צענטער (Child Advocacy Center) פון BestSelf זיך צו אריבערציהען און זיך פארשפרייטן, ערמעגליכנדיג זיי צו צושטעלן סערוויסעס פאר אלע קינדער אין די געגנט. די איינריכטונג וועט אויך זיין די היים צו א קאמיוניטי טרענירונג צענטער וואס וועט העלפן מיט באמיאונגען צו אנטוויקלען די ארבעטסקראפט.

דער ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל פראצעדור זעצט פאר צו אונטערשטיצן און פארשטערקערן ראיאניש-פארמישטע פארטייען ביים אנטוויקלען סטראטעגישע פלענער און אויסשטעלן פינאנצירונג פריאריטעטן וועלכע קומען נאך די לאקאלע עקאנאמישע באדערפענישן. ביז היינט זענען שוין מער פון 7.6 ביליאן דאלאר פארטיילט געווארן דורך די ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל צו שטיצן מער פון 9,300 נייע דזשאבס און קאמיוניטי אנטוויקלונג פראיעקטן וועלכע זענען איינשטימיג מיט די סטראטעגישע פלאן פון יעדע ראיאן.

**איבער די קאַנסאָלידעיטעד פאָנדינג אפליקאציע**
דער קאַנסאָלידעיטעד פאָנדינג (פאראייניגטע פינאנצירונג) אפליקאציע איז געעפנט געווארן צו מאכן דעם פראצעדור פונעם אפלייען פאר א גרענט גלאטער און שנעלער. די קאַנסאָלידעיטעד פאָנדינג אפליקאציע פראצעדור צייכנט אפ א פונדאמענטאלע טויש אין די וועג וויאזוי סטעיט געלטער ווערן פארטיילט, פארזיכערנדיג ווייניגער ביוראקראטיע און א מער געשליפענע פראצעדור צו ערפילן לאקאלע עקאנאמישע אנטוויקלונג באדערפענישן. די קאַנסאָלידעיטעד פאָנדינג אפליקאציע דינט אלץ א כל-בו געשעפט פאר צוטריט צו עקאנאמישע אנטוויקלונג פינאנצירונג, פארזיכערנדיג אז אפליקאנטן דארפן מער נישט דורכגיין מערערע אגענטורן און מקורות אן קיין קאארדינאציע צווישן זיי. יעצט קענען עקאנאמישע אנטוויקלונג פראיעקטן נוצן דעם קאַנסאָלידעיטעד פאָנדינג אפליקאציע אלץ א שטיצע מעכאניזם צו צוקומען צו מערערע סטעיט פינאנצירונג מקורות דורך איין אפליקאציע, מאכנדיג דעם פראצעדור שנעלער, גרינגער און מער פראדוקטיוו. לערנט מער איבער דעם קאַנסאָלידעיטעד פאָנדינג אפליקאציע [דא](#).

**איבער די ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס**
דער ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל איניציאטיוו איז א הויפט שטאנדטייל פון די סטעיט'ס צוגאנג צו סטעיט אינוועסטירונג און עקאנאמישע אנטוויקלונג. אין 2011, זענען 10 ראיאנישע קאונסילס זענען אוועקגעשטעלט צו אנטוויקלען לאנג-טערמיניגע סטראטעגישע פלענער פאר עקאנאמישע וואוקס

פאר זייער ראיאנען. די קאונסילס זענען פובליק-פריוואטע צוזאמענארבעטשאפטן צוזאמענגעשטעלט פון ארטיגע מומחים און סטעיקהאָלדערס פון ביזנעס, אקאדעמיע, ארטיגע רעגירונג, און נישט-רעגירונג ארגאניזאציעס. די ראיאנישע קאונסילס האבן אויפדאסנייע אנגעדייטעט דעם אופן וויאזוי ניו יארק אינוועסטירט אין דזשאבס און עקאנאמישע וואוקס דורך שטעלן אין פלאץ א קאמיוניטי-באזירטע, פון-אונטן-ארויף צוגאנג און אוועקשטעלן א פארמעסטערישע פראצעס פאר סטעיט שטיצע-מיטלען. לערנט מער אויף regionalcouncils.ny.gov.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418